# ווער קען באַקומען
# א קאָוויד-19 וואַקסין?

קאָוויד-19 וואַקסינאַציע איז רעקאָמענדירט פאַר יעדן פון פינף יאָר און עלטער. איר קענט וואַקסינירט ווערן אויב איר האָט:

- צוקער קראַנקייט
- אַסטמאַ
- קענסער
- האַרץ קראַנקייט
- HIV
- נירן קראַנקייט
- לעבער קראַנקייט
- עסן אַלערגיעס
- סעזאָנאַלע אַלערגיעס אַזוי ווי אַן אַלערגיע צו בלומען שטויב
- אַלערגיעס צו מעדיצינען וואָס ווערן איינגענומען דורך די מויל
- בלוט קלאַטס אין די פאַראַנגענהייט
- שוין געהאַט א קאָוויד-19 אינפעקציע
- אַנדערע געזונטהייט פּראָבלעמען
- פּלענער צו ווערן טראָגעדיג, זיין טראָגעדיג אָדער נויערסן א בעיבי

עס איז באַזונדערס וויכטיג פאַר מענטשן מיט אַנדערע געזונטהייט פּראָבלעמען צו וואַקסינירט ווערן, אַזוויי פילע פון זיי האָבן גרעסערע אויסזיכטן צו שוועֶר קראַנק ווערן פון קאָוויד-19.

די איינציגסטע סיבה פאַר וועלכע איר וועט מעגליך נישט קענען באַקומען א קאָוויד-19 וואַקסין איז אויב איר האָט אַן ערנסטן אַלערגיע צו א באַשטאַנדטייל פון די וואַקסין, אָדער אויב איר האָט געהאַט אַן ערנסטן אַלערגישע רעאַקציע צו א פריערדיגע דאָזע פון א קאָוויד-19 וואַקסין אָדער צו אַן אַנדערע וואַקסין אָדער מעדיצין וואָס ווערט געגעבן אַלץ אַן איינשפּריץ. אפילו אויב איר האָט געהאַט אָדער האָט אַן אַלערגיע קענט איר נאָכאַלץ מעגליך וואַקסינירט ווערן, אָבער איר זאָלט זיך דורכרעדן מיט אייער דאָקטאָר **בעפאַר** איר טוט אַזוי.

קאָוויד-19 וואַקסינען אַנטהאַלטן **נישט** פּרעזערוועטיווס, לעיטעקס, אייער, מערקורי, באַשטאַנדטיילן פון אַן אומגעבוירענע בעיבי אָדער פון א מענטשליכע צעל, דזשעלאַטין אָדער אַנדערע פּראָדוקטן פון חיות, אַנטיביאָטיקס אָדער מייקראָ־טשיפּס. רעדט מיט אייער דאָקטאָר אויב איר האָט סיי וועלכע פראַגן איבער וואַקסינאַציע.

**קאָוויד-19 וואַקסינען זענען אומזיסט, זיכער און ווירקזאַם.**
**ווערט וואַקסינירט נאָך היינט!**

פאַר מער אינפאָרמאַציע, באַזוכט **nyc.gov/covidvaccine**.



די NYC העלט דעפּאַרטמענט וועט מעגליך ענדערן אירע רעקאָמענדאַציעס אַזוי ווי די צושטאַנד טוישט זיך. 11.15.21

NYC VACCINE FOR ALL:
SAFE, FREE, EASY

NYC Health

Yiddish